**גוט שבת אלע אידן.** ״בארעס״ און ״איליע״ זענען חברים וועלכע זענען אויפגעוואקסן צוזאמען אין רוסלאנד אונטער די קאמוניסטען ימ״ש. ליידער האבן די צוויי נישט געהאט קיין אידישע אפשטאם, ווייל די רוסישע רשעים האבן נעבעך גע׳הרג׳ט די אידישע נשמה און די אידישע גוף דורך די 80 יאר פון קומאניסטישען רעזשים. אבער, ב״ה, די שלעכטע תקופה האט זיך געענדיגט און צוביסלעך קומען די רוסישע אידן צוריק צו אידישקייט.

בערך 20 יאר צוריק, בעפאר עס האט זיך אנגעהויבן די היינטיגע כוואליע פון רוסישע בעלי תשובה, האבן אפאר גליקליכע אידן זוכה געווען צו אנטלויפן פון דעם רוסישען גיהינום. איינער פון די אידן איז געווען אונזער בארעס, וואס איז געפארן וואוינען אין ארץ הקודש. גלייך נאכדעם וואס באריס איז אנגעקומען קיין א״י, איז ער ב״ה געווארן א בעל תשובה און ער איז געגאנגען לערנען אין ישיבת אור שמח, א בעל תשובה ישיבה אין ירושלים. בארעס האט געטוישט זיין נאמען צו ״ברוך״. כאטש אפילו ברוך איז געווארן א שטארקער בעל תשובה, איז אבער זיין חבר ״איליע״ געבליבן אין רוסלאנד און איז געבליבן פריי. נישט נאר דאס, אבער איליע איז אריינגענומען געווארן אין דעם רוסישען ארמיי און זיי האבן אים געשיקט גלייך קיין אפגאניסטאן, וואו די רוסישע האבן געפירט א מלחמה צווישן די יארן בערך פון תש״מ ביז תש״נ, קעגן די צווילדיוויטע ישמעאלים ימ״ש וועלכע וואוינען דארט. ברוך און זיין חבר פון די יונגע יארן איליע האבן געהאלטן א שטארקן קשר צווישן זיך דורך שיקן בריוון. איין טאג האט ברוך באקומען א מורא׳דיגע בריוו פון רוסלאנד פון זיין חבר איליע.

דער בריוו האט זיך אנגעהויבן אזוי: ״מיין טייערן חבר ברוך, איך ווייס יעצט אז ס׳איז דא א באשעפער אויפ׳ן וועלט...״ ברוך האט געליינט די ווערטער מיט אפינע אויגן, ווייל ער האט נישט געקענט איליע אלס א מאמין. נאך מער, איליע איז געווען אין מיליטער אין אפגאניסטאן, איז ווי אזוי איז ער געווארן א מאמין דארט אין יענע עק וועלט? ברוך האט אנגעהויבן צו ליינען דעם בריוו.

אלס יונגער בחור, איז איליע אייביג אינטערעסירט געווען אין שטודירען וועגן חיות אוןביימער, און נאטורישע זאכן אזוי ווי מען קען זען אין א ״זאו.״ וועגן דעם איז איליע טאקע פרייליך געווארן צו הערן אז די רוסישע מיליטער וועט אים שיקן קיין אפגאניסטאן, ווייל דארט זענען אסאך מיני אינטערעסאנטע ווילדע חיות וועלכע דרייען זיך ארום אין די גרויסע מדברות.

איליע איז צום מערסטען אינטערעסירט געווען און שלאנגען. ווען איליע האט געהאט איבריגע צייט איז ער ארומגעגאנגען זוכן ווילדע שלאנגען אין די אפגאניסטאנישע מדבר. צווישן די שלאנגען אין דעם מדבר זענען געווען א פאר מיני גיפטיגע שלאנגען. איליע האט נישט מורא געהאט פון די גיפטיגע שלאנגען. פארקערט, איליע איז געקומען יעדן טאג צו געבן עסן פאר די גיפטיגע שלאנגען. איליע פלעגט ארויסלעגען עסן נעבן די לעכער וואו די שלאנגען האבן געוואוינט. די שלאנגען פלעגן שנעל ארויסקריכען און שנעל כאפן דעם עסן, און נאכדעם שנעל צוריק גיין צו זייערע וואוינונג אין די לעכער.

איין טאג, האט דער ג׳ענעראל געהייסן אז מען זאל צוזאמען–פאקען דעם מיליטערישע לאגער און פארן צו אן אנדערען פלאץ אין דעם מדבר כדי אויפצושטעלן דעם לאגער דארט. דער נעקסטער טאג אינדערפרי, בעפאר די סאלדאטן האבן געדארפט ארויספארן, איז איליע געגאנגען זיך ״געזעגענען״ פון די גיפטיגע שלאנגען וועלכע ער פלעגט געבן צו עסן. איליע האט געוואלט געבן צו עסן נאך איין מאל פאר זיינע ״חברים״ די שלאנגען.

ווען איליע האט זיך דערנענטערט צו איינע פון די גאר גיפטיגע שלאנגען, וואס מען רופט א ״קוברא״, האט דער קוברא פלוצלינג זיך אויפגעשטעלט גראד, און אויפגעהויבן זיין קאפ הויך, העכער דעם ערד, און געעפענט זיינע צוויי באקן, גרייטן זיך צו צו בייסן. אין דעם מיליטער האבן זיי אויסגעלערנט די סאלדאטן אז אין אזא פאל ווען א גיפטיגע קוברא שטעלט זיך אויף, דארפט מען בלייבן שטייען אויפ׳ן פלאץ און זיך נישט רוקן אפילו קיין האר, ווייל יעדע ריר קען דערשרעקן דעם שלאנג און עס גורם זיין צו בייסן. ווען א קוברא בייסט, ל״ע, האט מען געציילטע מינוטן צו רופן א דאקטאר. אבער נאך די מינוטן שטארבן אפ רוב מענטשן פון דעם בייס פון אזא שלאנג.

איליע האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געדארפט שטייען און ווארטן. דער שלאנג איז געבליבן אזוי אויפגעשטעלט גרייט צו בייסן. א שטיק צייט שפעטער האט איליע געהערט אז די אלע סאלדאטן פארן אוועק פון דעם געגענט. איליע האט געוואלט שרייען צו זיינע חברים אז זיי זאלן ווארטן אויף אים. אבער, איליע האט געדארפט בלייבן שטיל, כדי נישט צו דערשרעקן דעם גאר גיפטיגען שלאנג...

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון דער פרשה, וועלכע האבן א שייכות מיט דער מעשה. עס שטייט און פסוק: ״אם בחקתי תלכו ואת מצותי תשמרו... והשבתי חיה רעה מן הארץ וגו׳״ (ויקרא כו ג,ו) זאגט דער הייליגער רמב״ן זי״ע אויפ׳ן פסוק, אז ״ובהיות ארץ ישראל על השלמות, תשבת רעת מנהגם [של החיות] ויעמדו על הטבע הראשון אשר הושם בהם בעת יצירתם,״ ד״ה, ווען די אידן וועלן טון מצוות און צוריק קומען וואוינען אין ארץ ישראל מיט שלום ווי עס דארף צו זיין, וועלן די חיות נישט מזיק זיין מענטשן און וועלן די חיות צוריק גיין צו ווי זיי זענען געווען אין גן עדן, ווען אדם און חוה האבן געוואוינט צוזאמען מיט זיי אן קיין מורא. די זאכן זענען גאר טיפע ענינים. אבער, פון דא זעט מען פשטות אז דורך אידן טון מצוות קענען מיר מתקן זיין די וועלט און עס צוריקברענגען צו דעם שלימות ווי דער באשעפער האט געוואלט מיט בריאת העולם. פון דא זעט מען דעם כח פון מצוות! איז לאמיר ענדינגען אונזער מעשה...

מער ווי דריי שעה איז איליע געשטאנען שטיל אויפ׳ן פלאץ! סוף כל סוף, איז דער שלאנג אראפגעגאנגען און אוועקגעקראכן.

איליע איז שנעל געלאפן צו דעם פלאץ וואו די סאלדאטן זענען פריער געווען, כדי צוזאמענצונעמען זיינע זאכן. די אלע אנדערע סאלדאטן זענען שוין לאנג אוועקגעפארן פון דעם לאגער, לאזענדיק איליע אליין אין דעם געפערליכן אפגאניסטאנישען מדבר. איליע האט אנגעהויבן צו לויפן אויפ׳ן וועג אין דעם מדבר, זוכענדיג די אלע סאלדאטן. דאן, פלוצלינג, האט איליע דערזען איינעם פון די סאלדאטן. דער רוסישער סאלדאט איז געליגן טויט אויפ׳ן ערד אויף א ענגען וועג צווישן צווי בערג. איליע האט מורא געהאט, אבער ער איז געגאנגען ווייטער. ער האט דערזען די איבריגע חלק פון די סאלדאטן, אלע זענען גע׳הרג׳ט געווארן דורך די אפגאניסטאנישע מיליטער. עס האט אויסגעקוקט אז די אפגאניסטאנישע סאלדאטן האבן געמאכט א איבערפאל פאר די רוסישע סאלדאטן. די אפגאניסטאנישע סאלדאטן האבן געווארט ביז די רוסישע סאלדאטן זענען געקומען דורך דעם ענגען וועג, און דאן האבן זיי אלע אויסגעשאסן אין א פאר מינוט! איליע איז געווען דער איינציגסטער סאלדאט פון אלע סאלדאטן וואס איז געבליבן לעבן.

איליע האט געוואוסט אז ער איז געראטאוועט געווארן דורך איינעם פון די גיפטיגע שלאנגען וועלכע ער פלעגט געבן צו עסן יעדן טאג. דער קוברא האט צוריקגעהאלטן איליע פון אוועקפארן מיט אלע אנדערע סאלדאטן, פונקט גענוג צייט כדי די אפגאניסטאנישע סאלדאטן זאלן קענען אויס׳הרג׳ענען די גאנצע גרופע פון רוסישע סאלדאטן. א טרער איז גערינען פון איליע׳ס פנים און ער האט ארויפגעקוקט צום הימעל. איליע האט געוואוסט אז עס איז געווען א נס פון השי״ת. דורך דעם איז ער געקומען צו שרייבן די ווערטער ״מיין טייערן חבר ברוך, איך ווייס יעצט אז ס׳איז דא א באשעפער אויפ׳ן וועלט...״ **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת אירוסי נכדו חיים מאיר נ״י, בן בנו הרה״צ רבי אהרן מענדל שליט״א, בשעטומ״צ**

רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל

מזל טוב להרה״ג ר׳ יוחנן וואזנער שליט״א מו״ץ של קהילתינו במאנטריאל לרגל שמחת אירוסי בנו בשעטומ״צ

״...הקל קול יעקב...״ ברכות מליפות למוה״ר יעקב שפירא הי״ו לרגל התמנותו ל״נזר עסקנות״ בדינער השנתי של מוסדותינו בבארא פארק ביום רביעי הבעל״ט

״... אלה תלדות יעקב יוסף...״ מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף טויב הי״ו לרגל שמחת לידת בנו נ״י • ״...ואתן לך ארץ חמדה נחלת צבי...״ מזל טוב למוה״ר אהרן יודא וואלטער הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו צבי דוב נ״י • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג • לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל

שתיקה יפה בשעת התפילה *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234